ת"ת תורה ויראה
דרב"י סאטמאר
◇ קרית יואל ◇
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
◇ תתל"ג ◇
חג הפסח
שנת תשפ"ד לפ"ק

ז' עז) עס פארציילט אונזער זיידע
**הרה"ג ר' אברהם יעקב יאקאב שליט"א** ר"מ בישיבה"ק – מח"ס ימים ידברו

## גנב'ענען דעם אפיקומן

איך האב זוכה געווען מיטצוהאלטן עטליכע מאל דעם עריכת הסדר בליל התקדש החג ביי מורי ורבי **הגה"ק רבי משה ארי' פריינד זצוק"ל גאב"ד ירושלים.**

יעדע מצוה איז ביי אים געווען מיט א הכנה דרבה, אנגעהויבן די מצות, דאס מאלן די ווייץ, אפילו ווען די בחורים האבן שוין נישט געהאט קיין כח צו מאלן, יעדער איז שוואך געווארן, אבער ער איז ער נאך אנגעגאנגען אפילו אויף די עלטערע יארן מיט א פייער און ברען.

דער גאנצער סדר איז געווען א שטיק פייער און ברען. איך געדענק ווי איינמאל אינמיטן הלל, ווען ער האט געזאגט די ווערטער "לא המתים יהללו קה ולא כל יורדי דומה", האט ער זיך אזוי צושריגן אז עס קלונגט נאך היינט אין די אויערן.

ב. עס איז געווען א משך פון יארן ווען **כ"ק הרה"ק רבי יודא'לע מדזיקוב זלה"ה** פלעגט קומען פראווען דעם סדר אינאיינעם מיטן ירושלים'ער רב. דעמאלטס האט ער געדאווענט אין סאטמארער ביהמ"ד 'אוהל רחל', עס איז געווען א מחזה הוד. און נאכן דאווענען פלעגן די צוויי צדיקים אהיים שפאצירן אינאיינעם, עס איז געווען עפעס שלא מעלמא הדין.

האט מיר דערציילט א חבר אז ער איז געווען אמאל ביים סדר, האט ער גע'גנב'עט דעם אפיקומן פון רבי יודא'לע ז"ל, און ער האט געבעטן פון רבי יודא'לע אז ער זאל מבטיח זיין אז "רבינו יואל בן חנה זאל דערלעבן, און אונז פירן קעגן משיח צדקינו".

רבי יודא'לע האט נישט געוואלט ענטפערן גארנישט, ער האט נאר געזאגט "והשיב את הגזילה, צוריק געבן די גניבה, מ'טאר נישט גנב'ענען...". עס איז געווען א פלא, ווייל אין די מקורות לבית דזיקוב זעהט מען יא מערערע טעמים אויפן גנב'ענען דעם אפיקומן.

ווען דער בחור האט גע'טענה'עט אז ער זאל וואונטשן אז דער רבי זאל דערלעבן משיח'ן, האט ער געזאגט "דאס קען מען בעטן אויך אן גנב'ענען"...

ז' עח) מען דערציילט אויף אונזער זיידע
**הרה"ח ר' יחזקאל שרגא פריעדמאן ז"ל**

## מסירות נפש פאר קיום מצות חג המצות

אונזער זיידע הרה"ח ר' יחזקאל ז"ל איז ליידער נאנט צו צוואנציג יאר געווען א שרעקליכער בעל יסורים, זייענדיג פאראליזירט אויפן גאנצן קערפער ה"י, און נישט געקענט רירן קיין שום אבר. דער איינציגסטער קשר וואס ער האט געהאט מיט די ארומיגע איז געווען נאר מיט די אויגן, וואס מיט דעם האט ער געקענט שרייבן אויפן קאמפיוטער, און זאגן וואס ער האט געוואלט ארויסברענגען.

אזוי איז פארבליבן לאחר פטירתו א גאנצער אוצר מיט הונדערטער רשימות וואס זענען א לעבעדיגער מוסר ספר, ווי אזוי דער איד האט געלעבט מיט מסירות נפש פאר קיום המצוות, און טראץ זיין ביטערן מצב האט ער נישט מסיח דעת געווען פון קיום מצוות הבורא ב"ה מיט א מורא'דיגע השתוקקות.

עס איז באמת לא יאומן כי יסופר צו זעהן באשיינפערליך ווי דער זיידע ז"ל, כלביא יקום וכארי יתנשא, ער האט נישט מוותר געווען אויף גארנישט ווען עס איז געקומען "לעשות רצון אבינו שבשמים', און מיט די גרעסטע זהירות און ברען האט ער זיך געגרייט צום יו"ט פסח, און ער האט זיך בכלל נישט געזעהן אלס "פטור מן המצוות", און ער האט זיך בכלל נישט פארלאזט אז עס איז מלאכתו נעשית על ידי אחרים, נאר ער האט אליין געטראגן דאס אחריות פון יו"ט פסח, מצות עשה דתשביתו און ביעור חמץ, מיט א אויסטערלישע זהירות.

פאלגענד איז איינע פון די רשימות פון די הוראות וואס ער האט פארגעשריבן ווי אזוי מ'זאל בודק חמץ זיין אין בית המדרש און אינדערהיים. הפלא ופלא ווי ער האט אינזינען געהאט אזויפיל פרטים ופרטי פרטים, וואס איז נישט מעגליך אז בימי חליו זאל ער דאס האבן באגעגענט, אבער ער האט אלעס אינזינען געהאט און געטראגן על לוח לבו מגודל יראת חטאו.

**סדר בדיקת חמץ בית מדרש:**

א. קוקן איבעראל, אויב הענגען מלבושים, באקוקן טאשן, האל, קלאזעט, אין דיינונג-ראם, לעדלעך, האל אינעווייניג, קלאזעט, קאך קלאזעט וואס מ'האט נישט פארקויפט, פרידזשידער, שטוב רעכטע זייט, שטוב לינקע זייט, מיין שטוב, לעצטע שטוב, סטעפס, טאשן פון בגדים, לאנדרי שטוב, ווענעטי, בעיסמענט, קליינע שטוב, אפיס וואס איז נישט פארקויפט, אונטער די סטים.

ב. פארטש - מיט פלעשלייט - מקוה, ביטע מאכן טשעק ווען געענדיגט א שטוב, מאכן א ברכה פאר די מצוה, "ווער עס טרעפט חמץ באקומט פופציג דאללער און א מתנה".

אלע חמץ (לייגן) אויף 1 פלאץ צוקלעבן, אוועק פון מאקאשעס, סטעפס אראפ באקוקן בעגס וואס הענגען, בעסמענט סטים קלאזעט. מאכן שטראך וואס (איז שוין) געמאכט.

די זענען די מצוות וואס מען נאך כאפן, וכל הקודם זכה.

ג. אויך זאגן ווען איך הער די געהעריגע נוסח (כל חמירא) איך זאל יוצא זיין "שומע כעונה ולב". מאמי זאל זאגן ביטע תיכף נאך קינדער ווען זיי ענדיגן די בדיקה "כל חמירא וחמיעא דאיכא 'ברשות בעלי' דלא חמיתיה ודלא בערתיה ודלא ידענא ליה לבטל ולהוי הפקר כעפרא דארעא", און זי זאל וויסן וואס זי זאגט, מען קען אויך זאגן אין אידיש.

"אלע חמץ וואס זענען ברשות מיין מאן'ס וואס האב געזעהן און נישט געזעהן זענען בטל און הפקר ווי שטויב פון דער ערד".

"נאכדעם זאלן זאגן די קינדער "כל חמירא וחמיעא דאיכא 'ברשות זקיני' ר' יחזקאל שרגא דלא חמיתי ודלא בערתיה ודלא ידענא ליה לבטל ולהוי הפקר כעפרא דארעא". ווער איז פארטיג זאל מאכן א טשעק, און זאגן "כל חמירא", וואס שטייט דא, "יהי רצון".

אין א אנדערע בריוו וואס ווארפט פונקען פייער פון מסירות נפש, שרייבט דער זיידע ז"ל:

**"הלואי זאל איך קענען נעמען מצה אין מויל כאטשיג אפאר ברעקעלך, כ'וואלט זיך געלאזט קאסטן אסאך געלט צו קענען מקיים זיין די מצווה כאטשיג חצי שיעור".**

האבנדיג א 'פידונג טוב', האט ער געשריבן גענוי בעפאר יו"ט וואס מ'זאל אים געבן ביים סדר: "כוסות וויין געמישט מיט מאסט, טראפן אין מויל און אין טוב לייגן די איבעריגע. מצה מעל זאל זיין אנגעגרייט בשעת זאגן די הגדה, מרור, סלאט אין חרוסת אריין לייגן אין מויל און צוריק ארויסנעמען, כרפס רעטעך לייגן אין טוב, שלחן עורך איי לייגן אין טוב".

ב. איבער דאס לייגן דאס עסן אינעם 'טוב' איז מערקווירדיג וואס ער האט אמאל געשריבן:

**"גוים להבדיל מאכן פיצא אין 'טוב', מאויבי תחכמינו"...**

מעשה שהיה דערציילט בנו הרה"ג ר' יצחק שלום שליט"א מו"צ בקהלתינו הק', אז ווען מען האט אים אריינגעלייגט די 'פידונג טוב', איז ער געווען זייער צובראכן אז ער וועט מער נישט קענען מקיים זיין אלע מצוות אכילה מדאורייתא, ווי מצות אכילת מצה, אכילת סוכה, וכדומה.

אין יענע תקופה איז געווען דארט אן ערלית וואס האט אויסגעלערנט די בני המשפחה ווי אזוי מ'באנוצט די 'פידונג טוב', צווישן אנדערע האט זי גערעדט מסיח לפי תומה, אז זי האט געארבעט עטליכע יאר ביי א גוי וואס האט געליטן אויף די ALS מחלה ה"י, און יענער ערל טמא האט געבעטן אז מ'זאל צומאלן 'פיצא' און דאס ארינלייגן אינעם 'טוב', כאטש ער קען שוין נישט בפועל נהנה זיין פון די תאוה צו עסן פיצא מיט אלע 'באק ציינער', אבער לכה"פ זאל דאס צוריבענעהייט אריינגיין אינעם קערפער...

ווען דער זיידע ז"ל האט דאס געהערט האט ער ממש אויפגעלאכטן, ער האט זיך געמאכט א חשבון אויב דער גוי טמא, פאר זיינע תאוות האט ער דעם געפיל אז אפילו ער האט נישט קיין הנאת גרונו, און ער קען נישט עסן קיין 'פיצא' מיטן מויל, ציין, צונג, האלז, דאך וויל ער דאס אריין אין הנאת מיעיו, וויל ער 'מאויבי תחכמיני' - לויטן טייטש פונעם קדושת יו"ט זי"ע אז מיר דארפן לערנען א דרך אין עבודת ה' פונעם גוי. מ'זאל אים געבן די כזיתים מצה, מרור, מצות סוכה, און יעדן שבת קודש די כזית לחם משנה, דורכן 'פידינג טוב' כאטש ער האט נישט געשפירט קיין טעם.

פון דעמאלטס אן האט מען טאקע יעדן שבת אריינגעגעבן א כזית מצה מעל, אייער מיט

נתנדב ע"י הרבני הנגיד ר' **יואל עפשטיין** הי"ו מראשי קהלתינו הק' • לע"נ רביה"ק מרן **משה בן חיים צבי** זי"ע • ולרגל שמחת אירוסי **בנו החתן** הי"ו למז"ט בשטומ"צ

צוויבל, טשולענט, פון יעדע מאכל האט מען אריינגעלייגט צוריבענערהייט אינעם 'טוב', כאטש ער האט נישט געשפירט קיין טעם דערין, איז ער אבער געווען מלא שמחה, אז אויב פארן גוי איז דאס אן אכילה, איז דאס ביי אים אויך א חלק פון קיום המצוות און עבודת השם. אזוי האט ער געשעפט חיות און תענוג רוחני פון קיום מצות השי"ת.

ז' עט) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' דוד לייב האלפערט שליט"א**

**זכרונות ימי קדם פון 'פסח ביים רבי'ן'**

איך האב זוכה געווען צו קענען זעהן די סדרים במחיצת הקודש פון **כ"ק מרן רבינו הק' זלה"ה**, וואס ער האט געפראוועט ביי זיך אין ביהמ"ד בביתו נאוה קודש אויף 500 בעדפארד עוו.

עס ליגט אין זכרון די מחזה הוד ווען דער רבי האט געגעסן די מצה האט ער אראפגעווארפן די שיך פון די פוס, און אזוי איז ער כמעט געלעגן זייטיג אנגעלענט, מיט'ן פוס אויפ'ן קאוטש, וכל כולו אש להבה. ביים צווייטן האלב סדר פלעגט דער עולם באלאגערן די פענסטער פון ביהמ"ד און מ'האט מיטגעהאלטן די עבודה פון אכילת מצה ומרור, אפיקומן און ווייטער.

ב. די צווייטע סדר נאכט פלעגט דער רבי אריבערגיין צום ספירה ציילן אין ביהמ"ד אויף 550 בעדפארד. און דארט האט מען ממשיך געווען מיט די זמירות פונעם צווייטן האלב פונעם סדר. 'אחד מי יודע', 'חד גדיא', דארט האט אויך הרה"ח ר' חיים מרדכי שטיינבערג ע"ה געזונגען זיין באקאנטע תימ'נע "אלעלאקא" - 'הללו ק-ה', א ניגון וואס ער האט געברענגט פון ארץ ישראל.

בשעת ווען דער רבי איז געגאנגען אין ביהמ"ד האט מען באגלייט דעם רבי'ן אויפ'ן גאס און א גאנצער וועג האט מען ווייטער געזינגען דעם באקאנטן ניגון וואס דער רבי פלעגט זינגען אויף 'אדיר הוא יבנה ביתו בקרוב'.

ג. דער רבי **מרן רבינו הברך משה זלה"ה** פלעגט קומען צום רבי'נס סדר ביים צווייטן העלפט סדר, און בשעת ווען דער רבי פלעגט גיין צום ספירה ציילן פלעגט ער זיך אנכאפן די רעכטע האנט אינעם רבי'ן מרן הבר"מ ז"ל.

ז' פ) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ג ר' אברהם שמחה הכהן פריעדמאן שליט"א**

**אדיר הוא יבנה ביתו בקרוב**

איך האב זוכה געווען צו זיין ביים רבי'נס סדר בשנת תשכ"ה. דער גאנצער סדר איז געווען נורא נוראות. דער קלימאקס פונעם סדר איז געווען די ניגונים סוף סדר.

ווען דער רבי האט געענדיגט זינגען "אדיר הוא יבנה ביתו בקרוב" האט דער רבי געזינגען פאר עטליכע מינוט די תנועה אן קיין ווערטער, ווען דער קאפ ליגט אויפן קושן, די צורה איז געווען רויט אש להבה, דאס פנים האט אים געפלאמט, ער איז אזוי געווען מיט פארמאכטע אויגן, עס איז געווען א פחד נורא.

דערויף האט ער געזינגען מיטן ראפשיצער ניגון, מלא השתוקקות "אחד מי יודע" און "חד גדיא".

בשעת'ן אנגיסן דעם פערטן כוס האט זיך צובראכן א גלעזל ביי די בחורים.

דער רבי האט זיך צושמייכלט און געזאגט "מזל טוב", און באלד צוריק צו זיין עבודת הקודש.

ז' פא) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' יחזקאל יואל סאמועט שליט"א**

**עת לקרב ועת לרחק**

עס איז געווען בימי בחרותי א פרשה, ווען עס איז געווען א בחור וואס האט געלערנט אין א געוויסע ישיבה אין וויליאמסבורג, אבער דער בחור האט ליידער נישט געטויגט ה"י, און ער איז געגאנגען צו אומריינע פלעצער ר"ל, און נאך מיטגעשלעפט אנדערע בחורים, ביז דער ראש ישיבה פון יענע ישיבה האט אים משלח געווען פון די ישיבה.

דער בחור איז געקומען צו אונז אין די סאטמארע ישיבה און ער האט זיך דארט באקוועם געמאכט. נישט אלע בחורים האבן געוואוסט מה טיבו, און אפילו די וואס האבן יא געוואוסט האבן נישט געוואוסט כדת מה לעשות, און טוהן אליין אייגענע אקציעס האט מען מורא געהאט וואוסנדיג אז דער רבי איז זייער שארף ווען בחורים טוען זאכן אליינס.

איין טאג רופט מיך צו דער משגיח הישיבה **הרה"ג ר' מרדכי דוד קאהן זצ"ל** און ער זאגט מיר אז עס איז דא א מצוה פון 'ובערת הרע מקרבך', און ער האט מיך מעורר געווען אז איך זאל צוגיין צום בחור ברבים און אים ארויס'שגצ'ן פון די ישיבה ברוב עם, וויל אזא סארט בחור א מושחת האט נישט קיין מקום דא אין די ישיבה.

איך האב בתמימות געפאלגט, און אנהויב סדר הלימוד, בשעת דער בחור האט אראפגעלייגט דעם קאפ אויפן טיש צו שלאפן האב איך מוחה געווען כדת של תורה. איך האב נישט געוואוסט אז עס איז געווען אפגעשמועסט מיט נאך בחורים וואס וועלן אויספירן דעם המשך נאך מיר, און ווי נאר איך האב מוחה געווען האבן די אנדערע בחורים אויך אנגעהויבן צו שרייען ביז יענער בחור האט זיך אויפגעהויבן און פארלאזט די ישיבה.

למעשה איז געווען לבי נוקפי, ווייל מיר האבן אלע גוט געוואוסט אז דער רבי איז זייער שארף קעגן אייגענע אקציעס. בפרט ווען דער בחור איז געקומען פון א צובראכענע שטוב, און ער איז אנגעקומען אין ישיבה דורך די השתדלות פון די רביצין ע"ה וואס איז געווען נאנט מיט די מאמע פון דעם בחור.

אבער איך האב שפעטער צוריק געהערט אז עס איז געווען א גרויסע איבערקערעניש ביים רבי'ן אין שטוב איבער די פרשה, און דער רבי - כאטש וואס געוויינליך האט ער דאס נישט גורס געווען - האט ער דוקא יא הנאה געהאט פון די אקציע, היות דער בחור האט משחית געווען אנדערע בחורים. און וויפיל דער רבי האט נישט געזוכט צו מרחק זיין קיין בחור פון די ישיבה, אבער איינמאל יענער איז געווען א 'מחטיא' האט אים דער רבי נישט געלאזט האלטן, און וויפיל מ'האט פרובירט צו שתדל'ען פאר אים ער האט קלאר געזאגט "איך וויל אים נישט האבן אין די ישיבה".

ו' פב) עס האט פארציילט אונזער עלטער זיידע
**הרה"ח ר' ברוך יודא לעפקאוויטש ע"ה**

**דער "ויואל משה" להלכה ולמעשה**

אין די יו.ען. איז געווען אַ גאַלערי וואו מענטשן האָבן געקענט מיטהאַלטן אַלע פאַרהאַנדלונגען און אָפּשטימונגען ביי די די יו.ען. פאַרזאַמלונגען. און איך האָב זיך אַסאַך געדרייט דאָרט, איך פלעג אָפטמאָל גיין צו די אָפיציעלע מיטינגען, וויבאַלד אין יענע צייט האָט זיך גאָר אַסאַך מיטינגען געהאַנדלט וועגן די ציוני'סטישע מדינה, און איך האָב געוואָלט מיטהאַלטן וואָס עס טוט זיך.

דער אַמבאַסאַדאָר פון לבנון איז אַסאַך מאָל געקומען אין יענעם זאַל ביי די מיטינגען זיך צו טרעפן מיט פּאָליטישאָנס וכדו', און אַזוי אַרום האָב איך זיך דעמאָלט באַקאַנט געמאַכט מיט אים, איך פלעג אים כסדר זאָגן אַז ער זאָל וויסן אַז אַ גרויסער ציבור פונעם אידישן פאָלק זענען קעגן אַ אידישע מדינה, עס איז קעגנזאַץ מיט די הייליגע תורה, א.א.וו.

דער רבי האָט געוואוסט דערפון אַז איך גיי אַהין, און ער האָט מיך עטליכע מאָל אפילו געפרעגט איבער דעם.

ווען איך האָב אַמאָל דערציילט דעם רבי'ן אַז איך זאָג אַלץ פאַר'ן אַמבאַסאַדאָר פון לבנון אַז מיר אידן זענען קעגן אַ מדינה, האָט מיר דער רבי געזאָגט: "עס איז זייער גוט אַז זיי זאָלן וויסן וואָס מיר פרומע אידן האַלטן, און אַז דאָס איז קעגן די תורה הק'. נישט ח"ו מ'זאָל זיי מחזק זיין מיט זייערע פעולות וואָס זיי פאַרגיסן אידיש בלוט, אָבער עס איז גוט אַז זיי זאָלן וויסן אַז מיר זענען דערקעגן, אַז נישט אַלע אידן האַלטן מיט מיט די נידריגע אקטיוויטעטן פון די ציונים".

אין יאָר תשט"ו, איידער דער רבי איז געפאָרן קיין ארץ ישראל, זייענדיג היימיש מיט'ן אַמבאַסאַדאָר פון לבנון, האָב איך אים דערציילט אַז דער גרויסער קעגנער פון די ציונים פאָרט איצט קיין ארץ ישראל טאַקע אויסצורופן זיין קעגנערשאַפט צו די ציונים, און אַזוי שמועסנדיג האָט דער אַמבאַסאַדאָר זיך אָנגעטראָגן אַז ער קען ערלעדיגן אַז דער רבי זאָל קענען אַריינגיין אין אַלט-שטאָט צום כותל המערבי, כאָטש וואָס אין יענע תקופה האָבן די אַראַבער נישט אַריינגעלאָזט קיין אידן אין אַלט-שטאָט.

מיט גרויס שמחה בין איך געגאַנגען איבערגעבן פאַר'ן רבי'ן וואָס איך האָב ערלעדיגט מיט'ן אַראַבישער אַמבאַסאַדאָר, איך האב געמיינט אז דער רבי וועט דאס אויפנעמען מיט שמחה, אָבער צו מיין אַנטוישונג ווי נאָר איך האָב דאָס פאָרגעשלאָגן פאַר'ן רבי'ן האָט דאָס דער רבי קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן, זאָגנדיג אַז ער וויל נישט ח"ו זיך אידענטיפיצירן מיט די אַראַבער, עס זאָל ח"ו נישט אויסקוקן אַז ער האַלט מיט מיט זיי און ער שטימט מיט מיט זייערע מלחמות.

דער רבי האט געזאגט "ריכטיג אַז די ציונים זענען שולדיג אין אַלעס, אָבער נאָך אַלעמען זענען די אַראַבער גרויזאַמע רוצחים, ידיהם דמים מלאו, זייערע הענט ווייקן זיך אין אידיש בלוט וואָס זיי פאַרגיסן ווי וואַסער, און דעריבער וויל ער נישט האָבן פון זיי קיין שום טובת הנאה, אפילו ווען עס רעדט זיך וועגן אַזאַ הייליגע און טייערע זאַך מתפלל צו זיין ביים שריד בית מקדשינו, דעם כותל המערבי, צו וואָס דער רבי האָט אַזוי שטאַרק משתוקק געווען.

און אַזוי האָט זיך טאַקע גאָרנישט אויסגעלאָזט פון דעם גאַנצן פּלאַן, און דער רבי איז נישט געגאַנגען צום כותל המערבי ביי יענעם באַזוך אין ארץ ישראל.

ז' פג) עס דערציילט אונזער זיידע

**כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א**

### ואשימה עיני עליו

איידער דער פעטער **כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה** האט ארויסגעגעבן דעם ספה"ק **ויואל משה**, האט ער דאס געשיקט צו עטליכע גדולי הרבנים, ווילנדיג הערן זייערע הערות אויפן ספר בעפאר ער גיט דאס ארויס פאר די וועלט.

איך געדענק ווען ער האט אריבערגעשיקט דעם ספר פארן טאטן זכרונו לברכה, עס איז געווען א היבשע צייט ווען די גליונות זענען געלעגן ביי אונז אויפן טיש, און דער טאטע האט מעיין געווען דערין נאך איידער עס איז געגאנגען צום דרוק.

ז' פד) עס דערציילט אונז

**הגאון הגדול משיירי כנה"ג רבי אליקים שלעזינגער שליט"א** ר"י הרמה לאנדאן

### והאיש משה עניו מאד

דעם ערשטן יום הצלה כ"א כסלו תש"ם, נאך די פטירה פון רבי'ן ז"ל האט מען מיך געלאדענט צו קומען רעדן ביי די סעודת הודאה.

"איך האב דעם רבי'ן (מרן רבינו הברך משה ז"ל) נישט געקענט פערזענליך אינדערהיים, עס איז בלויז געווען שמעו הטוב שמענו במשך די יארן (לברר אודות הכשר בהאטעל ואודות ישיבה בזענטא). יענעם כ"א כסלו האב איך אים צום ערשטן מאל קענען געלערנט, און איך האב נישט געקענט באגרייפן זיין מדריגה אין פשטות און עניות.

דער רבי איז אנגעקומען אין זאל עס האט אויסגעזעהן ווי ער וויל זיך באהאלטן פון זיך אליין, ער איז געווען אזוי צוריק געצויגן, עס האט ממש אויסגעזעהן ווי מ'איז אים דא מבזה אז ער דארף זיך צום ערשטן זעצן און פירן דעם ציבור פון אלפי ישראל וואס זענען זיך צונויפגעקומען צו די מסיבה.

בשעת די מסיבה האט מיר דער רבי אויך געזאגט אין אויער עטליכע ווערטער, וואס האט געצייגט ווי שטארק ער טרעפט זיך נישט דאס ארט, און ווי אומבאקוועם ער איז דא צו זיצן בראש פון די עדה הקדושה".

"עס איז נישט משיג צו זיין דאס פשטות און עניוות וואס דער איד האט געהאט"...

ז' פה) עס דערציילט אונז

**הגה"צ רבי בנימין לאנדא שליט"א** דומ"ץ טאהש ב.פ.

### וואס מיינט א מתמיד?!

איך האב זוכה געווען בימי בחרותי צו נתגדל ווערן תחת חסותו פון **כ"ק מרן רבינו הגה"ק הברך משה זלה"ה**. היות מיין טאטע **הגה"צ רבי נפתלי ז"ל דומ"ץ חוסט** איז געווען א מתפלל קבוע אין ביהמ"ד עצי חיים סיגעט, און פון די נאנטסטע מקורבים צום רבי'ן ז"ל, און איך בין געווען א תלמיד פון די סיגעטער ישיבה במשך מיינע בחור'ישע יארן.

דער רבי איז אונז געווען זייער געטריי און איבערגעגעבן, ער האט מיט אונז געלערנט שיעורים קבועים כסדר, און אונז מדריך געווען ווי אזוי זיך צו פירן אין יעדן פרט ועניין.

איינמאל אין קעמפ זענען געווען עטליכע בחורים וואס זענען אויפגעווען שפעט ביינאכט און געלערנט אין ביהמ"ד, ווען דער רבי האט דאס געזעהן האט ער זיי געזאגט "א מתמיד מיינט נישט א בחור וואס עסט נישט און שלאפט נישט, נאר א מתמיד מיינט אז ער עסט און שלאפט אין צייט, און יעדע איבריגע מינוט נוצט מען אויס צום לערנען".

און ער האט ליבליך ארויפגעלייגט די האנט אויף די פלייצע פון די בחורים 'לאמיר גיין', ווי ער האט זיי מיט אהבה געשיקט גיין שלאפן.

ז' פו) עס דערציילט אונז

**הגה"צ רבי משה טייטלבוים שליט"א** דומ"ץ קהלתינו הק' ירושלים

### פון די גדולי הדור

דער **רבי מרן רבינו הגה"ק הברך משה ז"ל** איז געווען א שוואגער (בזו"ר) מיט מיין טאטן **הגה"צ אב"ד סעמיהאלי זצ"ל**. (הגה"צ רבי חנני' יו"ט ליפא ז"ל בן הגה"ק ר' חנוך העניך ז"ל אב"ד סאסוב, חדב"נ מרן הקדושת יו"ט, והוא הי' חדב"נ מרן רביה"ק זי"ע. מרן רבינו הברך משה ז"ל נשא בזו"ר אחותו הרבנית חנה ע"ה ב"ר חנוך העניך ז"ל).

מיין טאטע פלעגט אלעמאל זאגן אז ער קען נישט גענוג משיג זיין די מידת הסבלנות און דער כח פון שווייגן פונעם רבי'ן ז"ל. מיין טאטע האט גוט געוואוסט אלע שווערע צייטן וואס ער איז אריבער, אלעס וואס ער האט מיטגעמאכט, אבער ער האט פארמאכט זיין מויל, און ער האט אלעס גענומען אויף זיך, נישט רעדנדיג א ווארט. (הרב מסעמיהאלי נלב"ע בשנת תשכ"ו, טרם הפציע כשחר אורו של רבינו הק' ז"ל).

וויפיל מ'האט שוין געשריבן אויף אים ביז היינט האט מען אים נאך בכלל נישט

אמת'דיג באשריבן, ווייל ער איז געווען פיל מער, מיין טאטע האט באוויינט אז ער איז נישט אנגעקומען צו דעם וואס ער וואלט געקענט זיין.

ב. מיין טאטע ז"ל איז נעבעך זייער קראנק געווען, זיין עלטסטער זון אחי הגדול דער **סאסובער רבי** שליט"א איז געווען א עלף יעריג אינגל, מ'האט אים געוואלט ברענגען נחת האט מען שוין דעמאלטס באשטעלט זיינע תפילין און מסדר געווען די בר מצוה.

האט אבער דער טאטע געפרעגט כסדר "דער סיגעטער רב האט נישט א טאכטער", ער האט אזוי געוואלט זוכה זיין זיך משדך זיין מיט זיין שוואגער וועמען ער האט אזוי מעריך געווען.

בחסדי השם, ביים קומענדיגן דור האט מען זיך שוין משדך געווען.

ג. עס איז געווען אמאל ווען איך האב געהאלטן ביי שידוכים מיט מיין טאכטער תחי', און עס איז געשלאסן געווארן א חשוב'ער שידוך, אבער מאיזה טעם האט דאס געדארפט בלייבן בסוד פאר א געוויסע זמן. ממילא האבן די מחותנים געשלאסן דעם שידוך אנדעם וואס מיר האבן מודיע געווען פאר קיינעם, אפילו די נאנטע קרובי המשפחה האט קיינער נישט געוואוסט דערפון.

אין יענע תקופה פון די חתונה פון ב"א הרה"ג ר' ליפא טייטלבוים שליט"א, בין איך אריין צום רבי'ן מיט א קוויטל, פרעגט מיך דער רבי אויף די טאכטער "זי איז שוין א כלה?", האב איך זיך ארויסגעדרייט פון ענטפערן געהעריג, ווייל דער שידוך האט געדארפט זיין א סוד. אבער דער רבי האט זיך נישט אוועק גערירט פון דעם נאמען, און ער האט מיך געפרעגט "זי איז א כלה?", ביז איך האב נישט געהאט קיין ברירה און געמוזט זאגן פארן רבי'ן אז מיר האבן דערווייל געטון א שידוך וואס דארף זיין א סוד ביז א געוויסע זמן. הערשט דעמאלטס האט זיך דער רבי בארוהיגט און ווייטער געליינט דאס קוויטל.

אבער מיר האבן דעמאלטס געזעהן בחוש ווי דער רבי האט אלעס געזעהן אין קוויטל.

ד. כ'האב אמאל געפרעגט דעם רבי'ן ווען כ'האב געדארפט קומען פון מאנטריאל קיין ניו יארק, און עס איז געווען א שאלה אויב איך זאל דאווענען שחרית פארן נץ אדער נאכן זמן תפילה. דער רבי האט געענטפערט מיט א פשטות "אוודאי פארן נץ, נאכן זמן תפילה טאר מען נישט דאווענען"...

ז' פז) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' אברהם משה פאלקאוויטש הי"ו**

### פראווען דעם סדר סמוך על שולחן אבותיהם

עס איז געווען דער ערשטער פסח נאך מיין חתונה, און איך האב געקלערט צו גיין צום סדר צו מיין פאטער הרה"ח ר' שלמה מנשה ז"ל. אבער היות עס זענען געווען וואס האבן געזאגט אז דעם ערשטן יו"ט נאך די חתונה גייט מען צום שווער, דאס איז געבויעט אויף די משנה (פסחים פ"ח) הלכה רגל ראשון לעשות בבית אביה, זאגט רשיז"ל 'שכן דרך נשואות ללכת לבית אביהן', זעהט מען מען פון דעם אז דעם ערשטן יו"ט נאך די חתונה גייט מען צום שווער. איז ער געגאנגען פרעגן דעם **רבי'ן ז"ל מרן הברך משה** אויב דאס איז ריכטיג.

האט אים דער רבי געענטפערט "ווער עס זאגט אז דאס איז פשט אין די משנה, דער ווייסט נישט פשט אין די משנה, ווייל די משנה רעדט באופן אז דער מאן איז געבליבן אינדערהיים, און נאר די פרוי איז געגאנגען לבית אבי', איז דא א שאלה פון וועמען זי זאל עסן דער קרבן פסח. אבער מעולם לא עלה על הדעת אז מ'זאל רעדן באופן אז דער מאן איז אויך דארט בבית אבי' איז זיכער נישט קיין שאלה אז זי עסט משל בעלה. און דער רבי האט אים מחזק געווען אז ער קען רוהיג גיין צום סדר צו זיין פאטער אין שטוב.

דער רבי האט מוסיף געווען "דאס גיין צום טאטן האט נאך א מעלה, אלס די מצוה פון 'והגדת לבנך".

און דער רבי האט געזאגט "איך וויל אויך אז מיינע זוהן זאלן זיין ביי מיר אויף יו"ט, מיינע איידעמער קענען געזונטערהייט גיין צו זייערע עלטערן".

ז' פח) עס האט דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ג ר' יקותיאל יצחק בראך זלה"ה** הכ"מ - רב אפסי ארץ נאנאש

### כל רז לא אניס לי'

איך בין אריינגעקומען אין די ישיבה גדולה אין קרית יואל בשנת תשמ"א לפ"ק, דאס איז געווען אין די ערשטע תקופה ווען די ישיבה האט זיך ארויסגעצויגן קיין קרית יואל.

אין יענע תקופה האט **כ"ק מרן רבינו הגה"ק הברך משה זלה"ה** אריינגעלייגט געוואלדיגע כוחות צו קענען אהערשטעלן די ישיבה עצהיו"ט, דער רבי איז געלעגן ראשו ורובו אין די ישיבה, ער איז כסדר ארויסגעקומען פארלערנען שיעורים, פארהערן די בחורים, און ער איז אליין געשטאנען על המשמר אויף יעדע דבר קטן וגדול.

דער רבי זלה"ה איז אין יענע יארן נאך געווען ניי פאר אונז בחורים, עס איז אונז געווען א חידוש צו באקענען דעם רבי'ן, וועלכער איז אלע יארן ביז יעצט געווען 'דער סיגעטער רב' און

ער האט נישט געהאט קיין נאנטע קשר מיט די בחורים פון די סאטמארער ישיבה.

איז דעמאלטס געווען אמאל ווען דער רבי האט נאכגעזאגט ברבים דעם באקאנט מאמר "קודשא בריך הוא חדי בפלפולי דאורייתא". און דער רבי האט געזאגט כלאחר יד "דאס שטייט נישט אין די גמרא, איך ווייס נישט וואו יא".

נאך די דרשה איז א בחור צוגעגאנגען צום רבי'ן און געפרעגט "אפשר שטייט דאס אין זוהר הקדוש?!".

דער רבי האט געגעבן א טראכט און געזאגט "אין זוהר שטייט דאס אויך נישט", עס איז געווען א חידוש פאר אונז בחורים אז דער רבי האט אזוי אפן גערעדט ברבים אז מ'זאל זעהן זיין בקיאות אין זוה"ק בעל פה. (מקור הדברים בספה"ק מגיד מישרים להרב"י פר' ויקהל)

ז' פט) עס דערציילט אונזער יידע

## הרה"ח ר' ישראל חיים שטעסל הי"ו

### כוס ישועות אשא

ווען איך האב ארויסגעגעבן די הגדה 'כוס ישועות', א ליקוט פון חידושי תורה פון רבוה"ק זלה"ה לבית סיגוט, האב איך זיך שואל עצה געווען אויף יעדן פרט מיט **כ"ק מרן רבינו הברך משה זלה"ה**. דער רבי האט מיר דעמאלטס געבעטן "טו מיר א פערזענליכע טובה, לייג אריין אין די הגדה דעם פירוש היעב"ץ". כמובן אז איך האב טאקע אזוי געטון, ובזכות זה האט דער פירוש היעב"ץ זוכה געווען צו א ספעציעלע פרסום.

דער רבי ז"ל האט מיך דעמאלטס געבארגט אן הגדה של פסח, מיטן פירוש פון הרה"ק רבי שמשון אסטראפאלער ז"ל, וואס דער רבי האט געהאט בירושה פון זיידן **הגה"ק בעל קדושת יו"ט ז"ל**. פון די הגדה האב איך על פי עצתו, מעתיק געווען פארשידענע נוסחאות אין די הגדה.

ווען איך האב געפרעגט דעם רבי'ן ז"ל וועלכע נאמען צו געבן פאר די הגדה, האט דער רבי מעיין געווען. אינצווישן איז כ"ק מרן רבינו שליט"א אריינגעקומען צום טאטן, און איך בין ארויסגעגאנגען פון צימער. שפעטער האט מיך דער רבי גערופן און געזאגט "חכמינו ז"ל זאגן (מגילה י"ג) האומר דבר בשם אמרו מביא גאולה לעולם, כ'האב געפרעגט מיין זון, דעם רב, וועלכע נאמען צו געבן פאר דיין הגדה, און ער זאגט 'כוס ישועות', ס'איז א שיינער נאמען".

ב. כ"ק מרן רבינו שליט"א האט מיר געזאגט אז אויף דריי זאכן האט דער טאטע מקפיד געווען בנוגע די קליינע קינדער, איינס, אזביים סדר זאל יעדער האבן אנגעגאסן א כוס וויין; הושענא רבא זאל יעדער האבן אן עקסטערע ערבה; און פאר יום כיפור אן עקסטערע כפרה פאר יעדן איינעם.

ז' צ) עס האט דערציילט אונזער יידע

## הרה"ח ר' יחזקאל צבי מענדלאוויטש ע"ה

### ומשלם לשונאיו

דער רבי **מרן רבינו הגה"ק הברך משה זלה"ה** איז געווען דער גרויסער לוחם מלחמות ה' קעגן די רשעי הציונים, במשך אלע יארן וואס ער איז געווען אויפן כס ההנהגה איז ער געווען דער לוחם בשער קעגן אלע מרשיעי ברית, און פורצי הכרם. פונדעסטוועגן דאך איז געווען באוואונדערן ווי אין די זעלבע צייט וואס דער רבי האט לוחם געווען קעגן די פורצי גדר למיניהם, און ער האט געפירט א שארפע מלחמה, האט ער אבער קיינמאל נישט געהאט קיין פערזענליכע חשבונות מיט קיינעם, און עס איז נישט אריינגעקומען קיין שום 'מידות' אדער פריוואטע 'נגיעות' אין די אלע ענינים.

ביי אונז אין די ארבעט האט געארבעט אינאיינעם א היימישער איד מיט א שארפן קאפ, און ביי א געוויסע געלעגנהייט האט יענער אפגעטון א שרעקליכע חוצפה קעגן די הנהגה פונעם רבי'ן **מרן הברך משה ז"ל**, וואס איז געווען מיט א שטארקן פרסום און גורם געווען אסאך צער ועגמ"נ פארן רבי'ן און פאר די גאנצע קהילה. און דער בעה"ב פון די ארבעט - זייענדיג א הייסער חסיד פונעם רבי'ן - האט אים געוואלט אויפזאגן פון די ארבעט.

ווען ער האט גערעדט מיט'ן רבי'ן דערוועגן האט אים דער רבי אפגערעדט דערפון זאגנדיג "מיט די פרנסה פון א איד טשעפעט מען נישט"...

ענליך צו דעם איז געווען ווען עס איז אמאל יונגערהייט ל"ע נפטר געווארן א איד וואס ער איז געווען א גרויסער מהרס קעגן דעם רבי'ן און אים אסאך מצער געווען, און עס איז ליידער געבליבן א אלמנה מיט יתומים אין שטוב ה"י.

דער רבי האט באלד געשיקט טויזנט דאללער פאר די משפחה - וואס בימים ההם איז דאס געווען א באדייטענדער סכום - און געהייסן מאכן אן אפיל אין ביהמ"ד פאר די משפחה.

ווען איינער האט א פרעג געטון דעם רבי'ן צי ער ווייסט אז דאס איז די משפחה פון דעם באקאנטן ... האט דער רבי רעאגירט מיט א פשטות "אבער וואס זענען די אלמנה און יתומים שולדיג"... און דער רבי האט ווייטער געטון כל מה שבידו זיי צו העלפן.

ז' צא) עס דערציילט אונז

## הגה"צ רבי יעקב אלי' אונסדארפער שליט"א רב דקהל ראשית חכמה מאנטריאל

### אוועק געמאכט מיט א ווערטל

במשך אלע יארן האט דער **רבי מרן הברך משה זלה"ה** מיטגעמאכט אסאך צרות ותלאות פון בני בלי שם וואס האבן אים כסדר גע'רודפ'ט און געזוכט אים צו בארעדן און באשמוצן.

אין די תש"ל יארן האב איך געלערנט אין סיגעטער כולל אין בארא פארק, בחברותא מיט כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א, אין יענע תקופה ווען מידי שבת בשבתו האט מען געשאסן חצים ובלסטראות אויפן רבי'נס אדרעס אויף זייער פיינפולע אופנים, און צווישן אנדערע זענען באשאפן געווארן אינעם עולם הדמיון פון די רודפים - אז דער רבי האט נכסים פון 'נורסינג האומ'ס', און ער איז דער אייגענטימער פון 'פארקינג לאטס' וכו', האבן די כולל אינגעלייט - וואס האבן געוואוסט אז דער רבי האט במשך אלע יארן געלעבט א חיי עוני ומחסור, און עס איז במשך קיינמאל נישט געווען הפרוטה מצוי' בכיסו - באטראכט מיט אינטערעסע ווי אזוי דער רבי וועט אויפנעמען די פרישע השמצות, און ווי שטארק עס וועט אים וויי טוהן.

ווען מ'האט דאס דערציילט פארן רבי'ן, האט ער דאס אויפגענומען גלייכגילטיג "אזוי?! מ'זאגט אז איך האב אזויפיל געלט, איז דאס דאך א טובה, יעצט אז איך וועל דארפן גיין נאך געלט וועל איך מאכן מער געלט, ווייל פאר א ארימאן גיט מען א קלייניגקייט, פאר א עושר דארף מען געבן א שענערע נתינה"...

די אינגעלייט זענען נתפעל געווארן ווי אזוי דער רבי האט די שווערע השמצות אוועק געמאכט מיט א ווערטל.

ב. דער רבי האט אמאל דערציילט (בדרשתו אצל הכתרת כ"ק רבינו שליט"א מוצש"ק וירא תשמ"ה לפ"ק). אז איינמאל ווען ער האט עוסק געווען אין א געוויסן ענין בצרכי ציבור לטהרתן של ישראל, איז געווען א געוויסער מענטש וואס האט עפעס געהאט דערקעגן, און ער איז ארויס מיט א שטארקע שמוץ-קאמפיין קעגן רבי'ן, און ער האט געווארפן קעגן אים שמוציגע פאשקעווילן אין די גאסן, וואס האט דעם רבי'ן זייער וויי געטון. איז ער דאן אריבערגעקומען צום פעטער **כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה** און ער האט זיך פאר אים זייער אויסגערעדט אז ער האט גרויס עגמת נפש פון די פאשקעווילן.

פרעגט אים דער פעטער "דיך ארט עס?", האט דער רבי געזאגט "יא, עס טוט מיר זייער וויי".

זאגט אים דער פעטער "קוק נאר, דאס צעטל בייסט?! ניין ס'בייסט נישט, קעגן מיר שרייבט מען יומם ולילה, ס'אינטערעסירט מיך בכלל נישט וואס מ'שרייבט אויף מיר".

האט דער רבי אויסגעפירט "פון ווען איך האב געהערט די ווערטער פונעם פעטער האט מיר דאס אויפגעהערט צו אינטערעסירן, זייט דעמאלטס האט מען שוין געווארפן אזויפיל פאשקעווילן, מ'האט שוין אזויפיל געשריבן, און ס'אינטערעסירט מיך נישט לא מינייהו ולא מקצתו".

ז' צב) עס דערציילט אונזער יידע

## כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

### שוין לאנג נישט געזוען קיין פאשקעווילן

עס איז געווען אין די תקופה וואס דער רבי ז"ל האט מיטגעמאכט ווען בתו הבכירה הרבנית הצדיקת מרת חי' ע"ה, איז זייער נישט געזונט געווארן, און זי האט מיטגעמאכט שווערע יסורים.

אין איינע פון די טעג ווען **כ"ק מרן רבינו שליט"א** האט זיך געפונען אין שטוב, איז אנגעקומען א שווערע בשורה פון שפיטאל איבער איר מצב, און מען האט געדארפט אריינגיין בקודש פנימה איבערגעבן די ידיעה. ווי פארשטענדליך האט זיך קיינער נישט צוגעכאפט דערצו, און יעדער האט געקענט באשטיין אז א צווייטער זאל דאס טון. אבער למעשה האט דער רבי שליט"א געדארפט אריינגיין איבער געבן די שווערע נייעס.

ווען ער איז אריין האט ער אנגעהויבן צו רעדן איבער אנדערע זאכן, און פארזיכטיג האט ער באריכט דאס ענין, ביז ווען דער רבי ז"ל האט געכאפט צו וואו ער ציהלט מיט זיינע ווערטער, און אז דער מצב איז זייער נישט גוט.

אויף די מינוט האט דער רבי געגעבן א שטארקן קרעכץ "אוי ווי, שוין לאנג נישט געזוען קיין פאשקעווילן, אז עס איז דא פאשקעווילן איז נישטא קיין אנדערע פראבלעמען"...

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן**

**כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך:** צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת,
אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס"ד: ביטע רופט די מערכת **Tellerkj@gmail.com/845-783-0735**